# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בלק, ט"ז תמוז, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ו'
שנה 14, גליון 42 (710)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:09
מוצאי שב"ק....................9:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................צפניה ג'-חגי א'
בבלי..................עבודה זרה כ"ד
ירושלמי...............כתובות ט"ז
תוספתא...............סנהדרין י"ב
רמב"ם..................מכירה כ"ו

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּמִדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

בֶּאֱמֶת גֵייעְן דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס וָואס מְ'הָאט, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, נִישְׁט וֶוערְן נָאר דֶערְבִּיטֶערְט אַז דָאס אוּן יֶענְץ אִיז נִישְׁט גוּט, וַוייל וֶועט מְ'קוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, וֶוערְט מֶען טְרוֹיעֶרִיג אוּן אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אוֹיךְ נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, מְ'אִיז דַן יֶעדְן לְכַף חוֹב.

פַארְקֶערְט, וֶוען מְ'זֶעט נָאר דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דֶער מֹחַ וֶועט וֶוערְן מְיוּשָּׁב, אוּן מְ'וֶועט אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גוּטְס אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אַרוּם זִיךְ, מְ'וֶועט יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן בְּרֶענְגֶען אַז יֶעדֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן נָאר גוּט אוּן וואוֹיל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מִיר טְרֶעטְן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְווִישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב; מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי צַייט אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצְיֶעל מְסוּגָּל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְּצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זְמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפְן אוּן הֶפְקֵר, מֶען נֶעמְט עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מֶער נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, וַוייל דָאס רֶעדְן מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט דִי צָרוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.), אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲוֹון נִבּוּל פֶּה צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה קוּמֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן נַייעֶ גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן פַאר הִילְף אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַלֶעס דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"ה)

### בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹיף דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט): "דַּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה, שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְן עוֹלָם הַזֶּה, "וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים וַאֲפִלּוּ הַשָּׂרִים, אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים אוּן גְרוֹיסֶע הארְן הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין עוֹלָם הַזֶּה, "כִּי כָּל יְמֵיהֶם כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג אוּן כַּעַס, "וְכֻלָּם מְלֵאִים טְרָדוֹת וּדְאָגוֹת וְעַצְבוּת וְיָגוֹן וַאֲנָחָה תָּמִיד", אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען אוּן פַאר׳דַאֲגָה׳ט, דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, "וְזֶה כּוֹלֵל כָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻּלָּם נוֹלְדוּ לְעָמָל וּמְלֵאִים רֹגֶז וְיִסּוּרִין", אִין דֶעם אִיז אַרַיינְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְאֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לְהִנָּצֵל מֵעָמָל וְיָגוֹן הַזֶּה כִּי אִם לִבְרֹחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יִסּוּרִים - נָאר אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן.

טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל וֶוערְן צוּרִיק שָׁלוֹם בַּיִת, בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, מֶעק אוֹיס דַיין אֵייגֶענֶע נָאמֶען, דַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חֲדָא אִתְּתָא יַצִיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וֶועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְּן, "אַמְתִּינַת עַד דִּיחֲסַל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָּרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אַעֲיַלְתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ בִּיז ווִילַאנְג דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַרְשָׁן, אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגִירָתָא כַּדּוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָּרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבְר׳טֶע שְׁלָאפְן, אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. "כֵּיוָן דְּחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, "אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְּכוֹן אִתְּתָא דְּחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא", הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס בְּרֶענְט אִים, אוּן וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן).

"אֲמָרִין לָהּ מְגִירָתָא כַּדּוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלִךְ", הָאבְּן דִי חַבְר׳טֶעס גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹי: גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רַבִּי מֵאִיר׳ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר. "כֵּיוָן דְּיָתְבָא קַמֵּיהּ אִידְחִילַת מִינֵּיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן רַבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט אִיר: דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רַבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חֲדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקִית שְׁבַע זִימְנִין", אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. הָאט אִיר רַבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן: דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייעֶן אֵיינְמָאל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל.

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָּן לְמִלְחַשׁ לָךְ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: אִיז דָאס כְּבוֹד הַתּוֹרָה? פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵּר גֶעוֶוען עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן אַזוֹינְס צוּ טוּן?! "אֲמַר לְהוֹ לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דִּתְנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רַבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רַבִּי מֵאִיר׳ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"ה)



אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (אֵיכָה א׳, ג׳) כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדֵף - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְּבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א׳, א׳) "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה" (יִרְמְיָה א׳, י"א). זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי ווִי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגֶנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א׳) אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי ווִי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען ווֵייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ׳ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן

>>>>>>

<<<<<< מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הָארֶץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לְטָהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקֶלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לְטָהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקֹּדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִויפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דַארְף מֶען צִיטֶערְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? הֶערְנְדִיג אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן לִיבְּשַׁאפְט אִין דִי קִינְדֶער וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעפַּאסְט אַז וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער צִיטֶער אִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד אַז זֵיי קֶענֶען אָפְּפָארְן אוּן מַמָּשׁ יֶעדֶעס וָוארְט דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעוואוֹיגְן, וַוייל זֵיי קֶענֶען מִיךְ גוּט מְסַדֵּר זַיין.

אִיךְ לֵייג בָּרוּךְ ה' אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס מֶער מֵחֲמַת פַּחַד. אוּן וֶוער רֶעדְט וֶוען אִיךְ זֶע אַז מַיין אִינְגְל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט עֶפֶּעס, וֶוער אִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ וַוייז עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט בֵּיי זִיךְ, 'רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ לֵייג אֶפְשָׁר נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּפָארְן אִין גֶעצֵיילְטֶע יָאר'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז פַאר חוּצְפָּה טָאר מֶען נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין, מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג. אִיז אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה: נָאר חוּצְפָּה? וָואס טוּט זִיךְ וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן קְלָאר: "אִיךְ לָאז דִיר דָאס נִישְׁט טוּן, אָן קַיין סִיבָּה, נָאר וַוייל דוּ דַארְפְסְט מִיךְ פָאלְגְן".

בְּקִיצוּר, וָואס אִיז דִי גְבוּל? וֶוען זָאל מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט פַּיינִיגְן וַוייל עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת - שֶׁלֹּא לְהִזָּהֵר"; דוּ זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין מִיט דִיר וְכוּ'. זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; פַארְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ', זֶע אַז תּוֹרָה וּמִצְוֹת זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ בֵּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קַיין וֵוייטִיגֶע זַאךְ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן נָאכְגֶעבְּן קִינְדֶער וְכוּ'; נָאכְגֶעבְּן אַ קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט פוּן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן נֵיין. קִינְדֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט דֶער לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'חָלוֹמְ'ט, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דֶעם לֶעבְּן.

דוּ מִישְׁט צוּזַאם הוֹדוּ מִיט כּוּשׁ; אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר וִויל נִישְׁט, דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן; וואוּ קוּמְט אַרַיין מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ', פַארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, דֶעמָאלְט ווֶעלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

פַּיינִיגְן מֵיינְט וֶוען עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט אַ קִינְד אוּן מֶען רַייסְט אִים אוּנְטֶער; לְמָשָׁל, מֶען ווִיל דֶער קִינְד זָאל צוּזַאמְרוּימֶען דָאס שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן פָאלְגְן (אַזוֹי ווִי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער) טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען פֶּערְזֶענְלִיךְ: "דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן", "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער", וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. נָאךְ אַ מָשָׁל, עֶלְטֶערְן ווִילְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין

<<<<<<

צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ׳, טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפּ רַייסְן דִי קִינְדֶער: ״דוּ שְׁלָאךְ״, ״דוּ עֶקְלְדִיגֶע וְכוּ׳״ – דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן.

עֶלְטֶערְן וָואס טְשֶׁעפֶּען דִי קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן וָואס רַייסְן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן נֶערְווֹן קְרַאנְקֶע. אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן; מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְהַאלְטְן אַ קִינְד: ״פַּארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי דֶעם שָׁכֵנְ׳ס קִינְד?״ ״פַּארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען וִוי יֶענֶעם?״ יְוֵוייסְט פַּארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין וִוי יֶענֶעם? וַוייל אִיךְ בִּין אִיךְ, אוּן יֶענֶער אִיז יֶענֶער׳. דָאס אַלֶעס הֵייסְט פַּיינִיגְן, אָבֶער פַּארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן וְכוּ׳, דָאס דַארְף מֶען טוּן אוּן דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשע״ח)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (ריג)

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶר רֶעכְנְט אַלֶעס אוֹיס פַאר דִי טוֹבָה אוּן דֶער תִּיקוּן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בִּכְלָלִיּוּת, אוּן פַארְ׳ן תִּיקוּן פוּן יֶעדֶע נְשָׁמָה אוּן יֶעדֶע נִיצוֹץ בִּפְרָטִיּוּת, הָאט עֶר אַזוֹי אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן קַיין מָאהִלוּב מִיט אַן אָפְּשְׁטֶעל אִין טוּלְטְשִׁין, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מוּזְן צוּרִיק דְרֵייעֶן פוּן טוּלְטְשִׁין קַיין בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוואוֹיר דָארְט אִין טוּלְטְשִׁין אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִין מָאהִלוּב צוּ בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט פַאר זֵייעֶר פוּדְרַאד, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ אוּמְקֶערְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי וִוי זֵיי פִילְן אָבֶער זֵייעֶר שְׁלֶעכְט פַאר אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג קַיין מָאהִלוּב, הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט פַאר אִים אַ וֶועג, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ וָואגְן וָואס טְרָאגְט אַ לַאסְט פוּן גְלָאז קַיין מָאהִלוּב, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים בַּעַל עֲגָלָה מִיטְצוּנֶעמֶען רֶבִּי נָתָן מִיט זִיךְ.

הָאט רֶבִּי נָתָן זֵיי גֶעזָאגְט, ״צוּ פָארְן קַיין מָאהִלוּב מִיט אַ לַאסְט וֶועג, פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר. מְמֵילָא וֶוען אִיךְ פָאר וֶוען צוּם רֶבִּי׳ן, וָואלְט אִיךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי בִּזְיוֹנוֹת, וַוייל צוּם רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען גֵיין אֲפִילוּ צוּפִיס, אָבֶער אַהֵיימְצוּפָארְן קַיין מָאהִלוּב וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם לַאסְט וָואגְן״, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן מִיט זֵיי קַיין בְּרֶסְלֶב. אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין בְּרֶסְלֶב הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אוּן דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם רֶבִּי׳ן. בַּאלְד בַּיים אַרַיינְפָארְן אִין שְׁטָאט אִיז זֵייעֶר הַארְץ גֶעוָוארְן אָנְגֶעפִילְט מִיט גֶעפִילְן פוּן פְרֵייד, עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פַאר שִׂמְחָה, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ לִיכְטִיגֶע צוּרָה אוּן אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיךְ ר׳ נַפְתָּלִי, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, ווִיסְנְדִיג אַז דֶער רֶבִּי פְּלַאנְט צוּ פָארְן גְלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב קַיין לֶעמְבֶּערְג. אוּן פַאר רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַּארְדִינְסְט אַז עֶר קֶען זַיין נָאךְ אַבִּיסְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶוער וֵוייסְט וִוי לַאנְג עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען נָאךְ זֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל פוּן מָאהִלוּב פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט קוּמֶען אַזוֹיפִיל צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן.

יֶענֶעם פַארְנַאכְטְס אִיז גֶעוֶוען אַן עֵת רָצוֹן בַּיים רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זָאלְן עֶסְן נַאכְטְמָאל אִינְאֵיינֶעם מִיט אִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "נסיעה טרעוול" רייזע פלענער

# אומאן ראש השנה תשפ"ו

שטייענדיג שוין בערך צען וואכן איידער מען פארט צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, האט "נסיעה טרעוול" ארויסגעלייגט פאר'ן ציבור זייערע רייזע פלענער פאר'ן קומענדיגן ראש השנה אין אומאן, זיבן גרופע פלענער צו פארן דורך פוילן אדער מאלדאווע, צוגעפאסט צו יעדן לויט זייער געשמאק און באקוועמליכקייט, צי מען וויל פארן פאר שבת, אדער מוצאי שב"ק, און נאך דעטאלן. אויסער פריוואטע טיקעטס וואס זיי שטעלן צו פאר סיי וועמען לויט'ן פארלאנג.

אין די לעצטערע יארן איז געווארן שווערע דאס פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, אנגעהויבן מיט די קאראנע פאניק ווען עס איז געווען שווער צו פארן און קומען, און יעצט מיט די מלחמה אין אוקריינא וואס ציעט זיך שוין אזוי לאנג, וואס דערווייל קען מען בכלל נישט אריינפארן קיין אוקריינע מיט א ציווילע פליגער, דאס האלט אבער נישט אפ די פילע צענדליגע טויזנטער אידן פון צו איינהאלטן די כרוז פון הייליגן רבי'ן, "יעדער דארף קומען צו מיר אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן!"

א גאנץ יאר ווארט מען שוין אויף די געלעגנהייט צו קומען צום הייליגן רבי'ן, אראפלייגן דארט דעם פעקעלע צרות, און צוריק אהיימקומען אויסגעבעטן און אויסגע'פועל'ט א זיס ליכטיג יאר, מיט אלע ישועות און רפואות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, "אפילו מענטשן וועמען איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען איך אבער אויך העלפן אום ראש השנה", ווען עס קומט ראש השנה, ווען מען שרייבט אפ פאר'ן מענטש פונקטליך וואס ער וועט אריבערגיין דעם גאנצן יאר, זוכט יעדער א גוטע אדוואקאט צום גרויסן יום הדין, און ווער איז דען א בעסערער אדוואקאט ווי דער הייליגער רבי, וואס ער געבט זיך אפ פערזענליך מיט יעדן איד וואס קומט צו אים אויף ראש השנה.

די חשובע אינגעלייט, די אנפירער פון "נסיעה טרעוול", זענען שוין ברייט באקאנט פאר לאנגע יארן מיט'ן צושטעלן נסיעות צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און ווי אויך סיי וועלכע טרעוול געברויכן אין לויף פונעם גאנצן יאר, סיי פאר פריוואטע מענטשן און סיי פאר קלענערע און גרעסערע גרופעס, צו סיי וועלכע דעסטינאציע איבער די וועלט. זיי זענען ספעציעל באקאנט פאר זייער איבערגעגעבענע סערוויס פאר יעדן מענטש פערזענליך, אז יעדער זאל ארויסגיין העכסט צופרידן.

גייענדיג צום דרוק קומט אריין די גוטע נייעס פונעם ספעציעלן "נסיעה טשארטער", א טשארטער פליגער וואס וועט פארן קיין מאלדאווע, מער דעטאלן איבער דעם וועט נאכפאלגן בקרוב אי"ה.

רופט אריין נסיעה טרעוול אויף 845-444-8785, און פארט לחיים ולשלום, און פועל'ט אלעס גוטס.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלמה בריסק** הי"ו בית שמש

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן קליטניק** הי"ו בארא פארק

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי הערצאג** הי"ו וויליאמסבורג

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו קרית יואל

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## כולל היכל הקודש

**א הארציגן דאנק לידידינו היקרים**

מו"ה **לייבי ליבערמאן** הי"ו

**שותף הכולל - חודש תמוז**

מו"ה **שאול חיים איינהארן** הי"ו

און מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו

**פרנסי החודש - חודש תמוז**

**דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אלעס גוטס**

## ערליך און קיל

**ערליך און קיל - קענען די צוויי זאכן גיין אינאיינעם? מוז איך זיין א צעקעוועטשער מענטש צו זיין אן ערליכער איד?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 47**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >